# אבותינו בולעטין

HFPJC · אבותינו

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו


**לשון הרה"ק מהרש"ב מליובאוויטש זי"ע:** וכאשר נהייתי לגבאי בח"ק דפה, שמתי לבי ליקרא דשכבי ונתעוררה רוחי לכבוד המתים לעשות עמהם חסד של אמת בעזרתו ית' **ולבנות גדר של ברזל לביה"ק שזה יהיה אי"ה דבר של קיימא**, ואין רצוני לילך אחר הפאר וההידור, כי אם מה שמוכרח לבד, וגם זה יעלה לסך רב בערך עד שני אלפים רו"כ. **ובזכות זה יחוננם השי"ת במתנת חנם בחסד נצחיי וכו'.** (אגה"ק ח"א קע"ו)

## ברכת מזל טוב ורב נחת

ברגשי אהבה משגרים אנו בזה ברכת **מזל טוב** לידידינו הנאמנים העוסקים לטובת אבותינו הם **וב"ב ומשפ'** שיחי' לרגל השמחה אשר במעונם בשעטו"מ כאו"א בשמם הטוב יבורך ה"ה

הגה"צ **אב"ד דושינסקא** שליט"א
מראשי הוועד ביה"ח בעיר
**נעמיזשע, ריסקיווא, וויטקא**

• • •

הגה"צ **אב"ד קראלי** שליט"א
מראשי הוועד ביה"ח בעיר **נאראל**
ולבנו הרה"ח בנש"ק

הרב **יעקב שמשון גאלד** שליט"א
מראשי הוועד ביה"ח בעיר
**נאראל, ט. לאפוש, טעטש ועוד**

• • •

**המחותנים החשובים**

הרה"ח ר' **משה יוסף הירש** שליט"א
מראשי הוועד להצלת ביה"ח בעיר
**פיר, יארע, סאסרעגן**

הרה"ח ר' **בנימין לאנדא** שליט"א
מראשי הוועד להצלת ביה"ח בעיר
**אוהעל, נירמאדע**
**לרגלי קישור החיתון אשר במעונם**

• • •

הרה"ח ר' **דוד מאיר בירנבוים** שליט"א
מנאמני עסקני אבותינו בארה"ק

• • •

הרה"ג ר' **אלחנן יונגער** שליט"א
מראשי הוועד להצלת ביה"ח בעיר
**בערבעשט, וויטקא**

**ויזכו כלם ביחד עם המשפחה והמחותנים שיחי' לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח**

# סניף משמרת ביה"ח שע"י אבותינו

## MAINTENANCE DIVISION

### לכבוד די חשובע יוצאי העיר כאו"א בשמו הטוב יבורך,

ראשית ווילן מיר אויסדריקן אונזער שעצונג און הודאה פאר אייער מיטארבעט ביז אהער, וואס דורך דעם האבן מיר בע"ה באוויזן איבערצובויען די ביה"ח פון אייערע אבות בכבוד הראוי. ס'איז אן א ספק א געוואלדיגער דערגרייכונג צו באשיצן אונזערע קברי אבות ז"ל, און אומשאצבארע זכות פאר אייך, אייער נאנטע און פאר כלל ישראל.

יעצט אז דער ביה"ח איז אין א בכוד'יגע מצב, איז זיכער אז איר ווילט אנהאלטן דעם צושטאנד, און האבן די זכי' צו אראנזשירן א ווירקזאמע מעינטענענ"ס אזוי אז די גראז איז געשניטן רעגלמעסיג, מיט כסדר'דיגע, **פערזענליכע** באזוכן צום ביה"ח. פון ערפארונג, איז דער סיסטעם גאר בייהילפיג **צו פארזיכערן די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פון קברי אבותינו.**

לכתחילה איז אונזער רצון אז די משפחה זאל מאכן מעינטענענ"ס פריוואט דורכ'ן אויפנעמען א לאקאלער שומר און אויסשטעלן כסדר'דיגע באזוכן אינ'ם ביה"ח. אויב דאס איז אוממעגליך, זענען מיר גרייט דאס צו טון פאר אייך פאר א מינימאלער יערליכער אפצאל.

**דער לעצטער דאטום איינצושרייבן פאר מעינטענענ"ס תשע"ז איז**

## ר"ח אדר הבעל"ט

**זיך איינצושרייבן: 718-640-1470 עקס 302/306** • E: maintenance@hfpjc.com

**בכבוד ובהוקרה: הנהלת אבותינו והנהלת משמרת ביה"ח**

## דוגמאות פון מעינטענענ"ס




**משמרת ביה"ח בראשות:** הרה"ח ר' **מרדכי שלמה** והרה"ג ר' **גבריאל גאלדבערגער** שליט"א
**בהשתדלות:** הרה"ח ר' **גבריאל** ברמ"ש **גאלדבערגער** הי"ו




**בנין ומשמרת ביה"ח ע"י יוצאי העיר בראשות:**
הרה"ח ר' **אברהם שענבערגער** שליט"א | הרה"ח ר' **יעקב צדוק שענבערגער** שליט"א | ובנו הרה"ח ר' **הערשל שענבערגער** שליט"א




**נבנה ע"י יוצא העיר בראשות:** הרה"ח ר' **מרדכי לענעראוויטש** ע"ה ומשפ' | הרה"ח ר' **מענדל קליין** שליט"א
**יו"ר משמרת ביה"ח:** הרה"ח ר' **נפתלי לענעראוויטש** שליט"א

## אסיפה לטובת גמר תיקון המצבות בביה"ח בעיר הומנא, סלאוואקיי

**יו"ר ועד הרבנים:** הגאון הצדיק ר' **נח אייזיק אהלבוים** שליט"א - אבד"ק נחלת יצחק ד'הומנא
**בהשתדלות:** ידידינו הרבני החסיד ר' **ברוך גראס** שליט"א

אן ערפאלגרייכע אסיפה איז פארגעקומען ב' יתרו בהשתדלות **משפחת החשובה מיטעלמאן** הי"ו נכדי הרבני החסיד ר' **שלמה יעקב** ב"ר צבי **מיטעלמאן** ז"ל מנו"כ ב'הומנא. דאס איז צושטאנד געקומען נאך די היסטארישע אויפדעקונג פון דאקומענטן אז דער זיידע ז"ל ליגט אין הומנא. אנוועזנד זענען געווען נכדי הרב החסיד ר' **אברהם שלמה מיטעלמאן** ז"ל, ה"ה הרה"ח ר' **אהרן דוד** בהרה"ח ר' **הערשל** שליט"א, והרה"ח ר' **יואל** בהרה"ח ר' **משה יוסף** שליט"א. די מיטונג איז פארופן געווארן אויף די אינציטאציוו פון האברך היקר מוה"ר **שמעי' שלום** בהרה"ג ר' **מענדל מאיר מיטעלמאן** שליט"א, און עסקני "אבותינו", וואו מ'האט איבערגעשמועסט די מצב פון די תיקון המצבות בביה"ח, וואס איז שוין באמת כמעט פערטיג. פילע בני משפ' ווייזן ארויס גרויס אינטערעסע אנטייל צו נעמען אין די הייליגע אינטערנעמונג און דערמיט זוכה זיין בזכות גומרה של מצוה, צו קענען פארענדיגן און אויפשטעלן די לעצטע איבערגעבליבענע מצבות. די בני משפחה האבן איבערגעגעבן זייער רצון צו שאפן דעם סכום צו פארזיכערן אז דער פראיעקט ווערט פארענדיגט בע"ה נאך דעם סעזאן.

**חשוב'ע בני משפחה: ווערט א שותף אינ'ם וויכטיגן פראיעקט און פארבינדט זיך תיכף מיט'ן וועד צו געבן אייער נדבה. וזכות הקדושים אשר בארץ המה יליצו טוב בעדכם.**






→ נוסח המצבה: עד הגל הזה ועדה המציבה | לזכר איש חמודות גבר חכם בעוז | מעשיו צדק ומפעליו אמונה | שומר מצות ד' וחקותיו | גם לבניו חנך על פי דרכו | אב בחכמה ורך בשנים | אשר נקטף בעודו באבו | מו"ה שלמה יעקב בן מו"ה צבי ז"ל | נפ' אחרון ש"פ תרמ"ה תנצב"ה

מאטריקל פון הרה"ח ר' שלמה יעקב ז"ל וואו עס איז פעסטגעשטעלט געווארן אז דער דאטום שטימט מיט'ן יא"צ

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| **MITTELMAN**, Jakab | 21-19 07-Apr-1885 | Homonna | Age=42 yrs, born Homonna | LDS 1792090, Item 3 |

הרבני החסיד ר' **שלמה יעקב מיטעלמאן** זצ"ל (הומנא)

בנו הרה"ח ר' **משה יוסף** ז"ל (מיהאלאוויץ) נעקד"ה

בנו הרה"ח ר' **יעקב** ז"ל (סאטמאר)

בניו הרה"ח ר' **אברהם שלמה** והרה"ח ר' **נחמן חיים** ז"ל

משפ' **זייף - מאשקאוויטש**
מיוצ"ח הרה"ח ר' **יוסף מרדכי כהנא** ז"ל
ולהבחל"ח ר' **משה אברהם מאשקאוויטש** הי"ו


נתפרסם לע"נ דבורה רעכיל ב"ר מרדכי יודא ע"ה

HFPJC · אבותינו

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC)
616 Bedford Ave, Suite 2-B, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 F: 718-228-8368 E: hfpjc@thejnet.com
**Affiliated Organizations:** London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha